2. וואָס איז ~~דורעס געציילט~~ איבערגעציילט. % די ביכער אויף די פּאָליצעס זײַנען געציילטע, מע ווייסט אַקוראַט וויפֿל ס'איז דאָ. די געציילטע און געוויגענע פּעקלעך האָט מען פֿאַרשלאָסן אין מאַגאַזין.

3. אין אַ קליינער צאָל, ניט קיין סך, עטלעכע. % מע ליידט היינט ניט אין די קראָמען, געציילטע קונים זײַנען געקומען. געציילטע סאָלדאַטן האָבן געהיט דעם וועג.

1884 " וואָס פֿאַר אַ גאַנג איז דאָס צו שינדן און באַרײַסן מיליאָנען מענטשן, אום אַ בעל=צדקה צו הייסן פֿאַר עטלעכע געציילטע פּריווילעגירטע מקבלים?".

איבן ווער?, נתן החכם, ז' 14. 356

1935 " די געציילטע גארייער נגידים, וואס האבן
צוגעבריים עסנוואַרג אין זומער, זענען געזעסן קאנק
אפגעשלאסענע אין די דירות |...| נישט אנצוקוקן די
געמיינע לייט און נישט אויסצוהערן זייערע קלאַגרייד".
באשעוויס, 1, 33.

1968 " אין געציילטע מינוטן האט זיך חייקל אנגעטאן".
גראדע, 7, 206. קאנק

4. (עלט) פארעכנט, צוגערעכנט, איינגעשלאסן.

1832 " איטלעכע טרער ווערט געציילט פאר השי"ת
און |ער| נעמט |זי| אן זייער לנחת ולרצון". 383
דוב בער, פרק ל"א.

|?1955| " אויך דארף מען איבערטראַכטן וועגן שטראף,
הס=ושלום, ווען זיינע חברים ווערן געציילט צו א 382

מצווה=זאַך און ער ציילט זיך ניט". איבן |ווער?|

ליקוטי אמרים, ז' 508.

|| געציילטערהייט - אַדוו. אין מצבֿ פֿון זייַן געציילט.

1968 " ר' צמח |...| האָט דעם פֿאַפֿירגעלט דערלאַנגט

איבערן טיש דעם לאַהויסקער, און יענער האָט עס, קאנק

ניט געציילטערהייט, אַרייַנגעלייגט אין הויזן=

קעשענע". גראַדע, 7, 407.

געציילטקייט - די, בא. אייגנקייט אָדער מצבֿ פֿון

זייַן געציילט.

(מיט/אין) געציילטע ווערטער - גאָר בקיצור

(רעדן, שרייַבן).

<u>מיט געציילטע טריט</u> - געלאַסן, פּאַמעלעך (גיין, טאָן עפּעס).

1911 " איך רויִק שטילע צייַטן גייט מען זיך דאָרט צו יעדער זאַך מיט <u>געציילטע</u> אויסגעמאָסטענע טריט". 360

<u>ווייַסענבערג, 2, 26.</u>

<u>לעבן פֿון אַ געציילטער קאָפּיקע/גראָשן</u> - מוזן אויסקומען מיט זייער אַ קאַרגן פֿאַרדינסט, זייַן געצוווּנגען צו זייַן זייער שפּאָרעוודיק.

<u>די טעג זייַנען געציילטע</u> - ס'איז שוין נאָענט צום סוף, (אויף וועגן עמעצן, וואָס האַלט בייַ שטאַרבן).

% ער איז מסוכן קראַנק, <u>די טעג זייַנע זענען געציילטע</u>, זאָגט דער דאָקטער.

1935 " די גרעסטע מקובלים פֿון פּוילן |...| האָבן אַנטפּלעקט אַלערליי רמזים אין זוהר און אין פּאַרצייַטישע

קבלה=ספרים, אַז די טעג פֿון גלות זענען געציילטע".

באשעווים, 1, 27.

ם גיצילט. מהד:

4 ←---

... " נחשבו - ווירדן גצילט". רייכלין 8, ישעיה,ה -כח.

1610 " ווען ער דא ווערט גיהעפט צו דער (תשובה)

דר אישט גיצילט צו אל דען לעבנדיגן".

טײַטש=חומש, קהלת, ט - ד.

384 → 368

70

(?נ?) ם| געציילן| ג צ י ל ן - אויסציילן, איבערציילן.

מהד: (ge)zelen.

... " מי מנה - ווער מך גצילן, ל' מניך".

רייכלין 8, במדבר, כג - י'. 399

(?נ?) ם |געציים| ג י צ יי ם - |דאָס?|. ציימל, צוים.

1541 " פעלוקן דער ווש ולוקש |?| הינטר זיך צוקן.//

206 און׳ שפראנג רונדעלה אובן אוף זיין רוקן.// רונדעלה

ווש ווילד און׳ גאר אן גיציים". <u>בבא=בוך, סטראָפֿע</u>

<u>373 - 374.</u>

9711

גע -

געצײן - דאס, =ען. (נש, אווו). אַלע צײן, דער
כּלל צײן; געביס.

ג ע צ יי נ ד ל ט – אדי/אדוו. וואס האט א קאנט
איינגעשניטן ווי צייך. % א געציינדלטע ראד.
די פּאסטמארקעס האבן געציינדלטע ראנדן. געציינדלטע
בלאט. געציינדלטער מוסקול |סטוטש 240|.

1924 " צווישן די פּאדער=קאמערן און קאמערן זיינען
זיי |די קלאפּעס פון הארץ| געציינדלט און 406
קאנסטרויִרט אזוי, אז זיי עפּענען זיך נאר פון
אויבן אראפּ". ד. שאבאד, פער 151, נ' 6.

1926 " ביי יינגערע שנעקלעך איז דער באנד |פון
מויער=קעפּל| א צארטער, ניט קיין גלייכער און א 408
געציינדלטער". יאכינסאן, 2, 208.

1958 " א מאדנע דארף |...| ניטא קיין געציינדלטע
פלויטן ארום גערטנדלעך". מ. ראם, פער 169, 232. 409

|| געציינדלטקייט – די, בא. אייגנשאפט פון זיין
געציינדלט.

געציינערט - אַדי/אַדוו. (שנש) ווי ציין, ציינפאַרמיק.

1919 " איך וועל יאָגן, דעריאָגן, זיך ראַנגלען// מיט
413 הענט און מיט פיס און מיט ביס// פון פאַרשאָפטע
געציינערטע אַנגעלן |...|". האָפשטיין, 1, 85.

1956 " און איך האב אויך געהערט, ווי ס׳זינגען
412 שיר=הכבוד די פעלדן די געציינערטע פון דעם פאַמיר".
גראדע, פער 9, ג׳ פסח, ז׳ 30.

1975 " די האַנט |...| לויכט מיר גאָר אַנטקעגן פון
קאנק ברונעמדיק שוואַרצן וואַלד=האָריזאָנט מיט זײַן שאַרף
געציינערטער ליניע |...|". סוצקעווער, 7, 75.

געצ - [redacted]

.100

ג ע צ י י ק ל ט (ז י ך) - פאר פון צייקלען זיך |הארקאווי|

~~90~~ - געצ
101.

ג ע צ י כ ט י ק - אדי/אדוו. בנב.

1936 " געציכטיקע וואסערהינט לעקן די ברעגעס".

נאדיר, 9, 121.

געצ – [redacted]

102.

ג ע צ י ל ט – פֿאַר פֿון צילן.

|| געצילטקייט – די, באַ. אייגנקייט אָדער מצב פֿון
זײַן געצילט.

ג ע צ י ל י ע ט - פאר פון ציליען.

געצ - [redacted].

104 .

ג ע צ י ל ע וו ע ט - פֿאַר פֿון צילעווען.

ג ע צ י מ ב ל - דאָס/דער, בא. |סטוטש 279|. דאָס (דויערדיקע) צימבלען אָדער דאָס צימבלען פֿון אַ סך אינסטרומענטן.

געצ - ~~95~~.

106.

ג ע צ י מ ב ל ט – פֿאַר און פֿאַדי פֿון צימבלען.

געצימבלטע שטעך |סטוטש 526| – בנב. 27

107. ~~96~~ ~~190~~ - געצ

(?ג?) ס|געצימט| ג צ י מ ט - אדי/אדוו. פֿאַסיק.

מה"ד: gezëmen (gezimt).

... " נאוה - גציִמט וול". רייכלין 8, תהילים, קמז - א. 632

רעד: כ'גיב דעם אויסטייַטש און עטימאָלאָגיע לויטן

קאַרטל. יהואש טייַטשט: נאוה - ליבלעך.

געצ - [redacted]

. 108

ג ע צ י מ ע ר - דאָס, =ן. (נש. אווור) אַ קאָמפּלעט צימערן אין אַ האָטעל; סוויט.

געצ - 97.

109.

ג ע צ י נ ג ל - דאס, בא. (שנש) דאָס {דויערנדיקע} צינגלען.

1935 " |...| קאָרטשעט זיך אין איר קאָפּ מיט הנאהדיקן געצינגל". שטענצל, 1, 7.

ג ע צ י נ ג ל ט - פֿאַר פֿון ציגנגלען.

געצ - ~~99~~

111.

ג ע צ י נ ט - אדי/אדוו. (לאקל, קוטנע) "שייך, זוניק (וועגן וועטער)" |קטוו|.

1951 " דער זיידע פלעגט אויף א שיינעם זוניקן טאָג זאָגן: א געצינטער טאָג". פון וואַנען דאָס וואָרט קומט, 427
ווייס איך ניט". מ. שאטאן, פער 90, XI, 63.

.112

געצ - [redacted].

ג ע צ י נ ק ט - אדי/אדוו. באדעקט מיט א דינעם שיכט
צינק. געצינקטע קיכגעשיר.

1970 " זי האט אפערגענומען פון אונטערן שענקל א
בלעכענע געצינקטע שיסל". י. ערליך, 1, 33.

.113

געצ - [redacted]

ג ע צ י נ ק ע וו ע ט - פאר פון צינקעווען.

געצ - ~~102~~

114\. ג ע צ י ע ש ע ט - פֿאַר פֿון ציִעשען, פֿפֿ (לד) צעסען

(דערפֿרייען, טרייסטן).

געצ - [redacted]

115.

ג ע צ י פֿ ע ר - דאס, בא. זאַמל=נאָמען פֿאַר פֿאַרשיידענע אינסעקטן (ס'רוב געמיינט שעדלעכע,קרענק=ברענגענדיקע); אומגעציפֿער, אומפּלייט. % אין די זומפּן האט געווימלט פֿון געציפֿער.

1936 " |...| און וועט טרעפֿן, אַז אַ'געציפֿער' וועט פֿון מײַן סם נישט פֿאַרסמט ווערן, וועט מײַן סם נישט שולדיק זײַן". גאדיר, 10, 45. 431

116 ~~104~~ - געצ

געציפֿערט - אדי/אדוו. מיט ציפֿערן, נומערירט.

% געציפֿערטע זײַטלעך פֿון בוך.

1870 " ער קוקט עפּעס טאָג און נאַכט אין די גוטע ביכלעך,

וואָס זענען געציפֿערט". צ'. דײַטש, פֿער 177, נ'14, 432

ז' 109 - ז.

117 ~~105~~. - געצ

ג ע צ י ק - אדי/אדוו. (שנש) פון א געץ, געצנדינעריש, פאגאניש.

"ביים געציקן שייטער=הויפן האב איך זיי תמיד געזאמלט". 1960

סוצקעווער, 4, 424. 433

ג ע צ י ק ט - אדי/אדוו. דזוו געצוקט, ב 2.

1935 " טייל |יונגע=לייט| ווייזן ארויס זייער

קאנק ווילקענעוודיקייט אין שרייבן מיט א געציקטער

שריפט |...|". באשעווים, 1, 108.

|| געציקטקייט - די, בא. אייגנקייט אדער מצב פון

זיין געציקט. % זיין כתב צייכנט זיך אויס מיט

דער געציקטקייט פון געוויסע אותיות.

ג ע צ י ק ל ט - 1. פאר פון ציקלען (זיך)

2. אדי/אדוו. דזוו געצוקט, ב׳ 2.

1931 - 1935 " די שרייבערקע פון די אפארן האט געזען
קאנק פאר די אויגן מאדנע געציקלטע אותיות. זי האט געזען
געדרייטע גימלען |...|". מ. קולבאק, 9/8, 75.

1946 " דער קאנוווערט איז געווען געשריבן מיט איידעלע,
קאנק געציקלטע און דראבנע אותיות". י.י. טרונק, 60,4.

1973 " |...| צו די מיטלען אויף אויסצולעבן זיך האט
435 געהערט דאס שרייבן געציקלט, ׳פארשטעלט׳, מ׳זאל
זיך דארפן אנשטויסן". בלומענטאל, 1, 211.

|| געציקלטקייט - די, בא. 1. אייגנקייט פון זיין
געציקלט, ב 1.

1940 " פון דער שיינקייט און געציקלטקייט פון
437 אונדזער קרייען הענגט אפ, צי דער טאג וועט זיין
א ליכטיקער |...| אדער א כמורנער". קאראלניק,3,187.

2. איינקייט פון זיין געציקלט, ב' 2.

% די געציקלטקייט פון דער שריפט איז אזוי שטארק,
אז ס'איז שווער איבערצולייענען זיין בריוו.

געציקלעניש - דאס, בא. דאס ציקלען זיך(קול, שטימע).

% דאס געציקלעניש פון חזן געפעלט ניט אלעמען.

1963 " דאס געציקלעניש האט זיך גענומען קייקלען".
438 מ.מ. שאפיר, 1, 114.

געציקעט (זיך) - פֿאַר פֿונצייקען זיך |הארקאווי|.

ג ע צ י ר - דאס, =ן. (שנש) פוץ, באפוץ, באציר(ונג).

1967 " אפילו שטיין און ליים נעמען יום=טובדיקע

בליצן,// און באקליידן זיך מיט ראסיקן געציר". 440

י. פרידמאן, 4, 96.

1968 " |...| האט נישט פארשטאנען, אז דאס גאנץ

געציר, // צונויפגעשלעפט פון אונטערוועגנס,// 441

איז פרעמדס, געגנבעטס, נישט איר אייגנס".

מאניק, 3, 10.

123 .[redacted] - געצ

(?נ?) ▪|געצירד(ע)| ג צ י א ר ד א - די. צירונג.

"עדי" ... ‏# גציארדא, ל׳ עדי זהב". רייכלין8,

שמואל ב, א - כד. 447

.124 געצ - [redacted].

ג ע צ י ר ט - 1. פאר פון צירן.

2. אנגעטאן, אויסגעפוצט אין צירונג. די דאמען קומען
אויפן באל געצירט מיט פערל און בריליאנטן.

3. באפוצט, דעקארירט, באשיינט.

1885 " אים שמעקט דאס ארעמע איינגעפאלענע שטיבעלע
פיל בעסער פון אייער רייכן געצירטן פאלאץ". 452
זילבערמאן, 1, 10.

1922 " כ'וועל צעבליִען // צו גלייך מיט ביימעלעך
מיט שלאנקע,// מיט ברייטן פעלד אין גאלד געצירטן". 469
האלקין, 1א, 26.

... " |...| און דער מלך שלמה פון זיין געצירטן טראן
// האט מיר געזאגט: ברוך=הבא!" מאלאדאווסקי, ליד, 451
"אין ירושלים קומען מלאכים,"(ז' 7).

|| געצירטקייט - די, בא. אייגנקייט אָדער מצב פֿון זײַן געצירט.

□ גיצירט.

.2 <----

1696 " גיצירט |די מצרים| מיט גאלד און' ציילן פערליך
אויף דען בארטן דאש מער". |סידור| תפלה למשה, 467
דף קנד - 2.

.3 <----

1544 " נון הט דער מאן נבל גאר איין שוינש ווייב,
// מיט אלר ורוימקייט וואש גיצירט איר לייב". 458
שמואל=בוך, סטראָפֿע 615.

1739 " וויא גר גוט זיין מעשים טובים ווען זיא מיט
חכמה גציהכט זיין". ס' מבחר הפנינים, דף ד - ד. 464

4. געקליידט, אנגעטאן.

1648 " דורך דיא פוקנהיימר פּפאַרט שפרענגטן זיא
454 אניין // גר הערליך אונ׳ וואול <u>גיצירט</u>".
<u>מגילת ווינץ, ז׳ 37.</u>

1745 " אונ דש קינד אונ דער פאטר אונ גיפאטר אונ
468 מוהל אונ דיא קרובים זאלין אלי היפש <u>גצירט</u> זיין
לכבוד הברית מילה". <u>סוד ה׳ דף כ/2.</u>

געצ - [redacted]. 127.

ג ע צ י ר ע וו ע ט - פאר פון צירעווען.

ג ע צ י ר ק ל ט - 1. פֿאַר פֿון צירקלען.

2. (עלט) געפֿורעמט, געשטאַלטיקט.

1805 " איז דען דאש יוא מעגליך גאט זאל האבין גזאגט

דש דיא גויה דש איז דר שכל אונ דר פֿר שטאנד 472

וואש איז גיצירקלט איך גאטש גישטאלט זאל רואהן

איזופינסטריך נעפל |...|". איבן פֿאוויר, דף ה -2.

1927 " |...| געצירקלט און אויסגעצאַצקעט ווי א

מזרח, וואָס די אַמאָליקע ייִדישע מושלמים האָבן 471

אויסגעמאָלט". מוקדוני, 1.

|| געצירקלטקייט - די, בא. אייגנקייט אָדער מצב

פֿון זײַן געצירקלט. % אַלע פֿיגורן אויפֿן בילד

טיילן זיך אויס מיט זייער געצירקלטקייט, קײַלעכיקייט.

.129 .[redacted] - געצ

ג ע צ י ש (ע ) - דאס, בא. |סטוטש 282|. דאס
(דויערנדיקע) צישען.

|| געצישעריי - דאס, בא. דזוו דפוו. א געצישעריי
פון שלאנגען.

ג ע צ י ש ע ט - פאר פון צישען.

(?נ?) ג ע צ ל - דאס, =ער. (ביטול) געץ/געטש, אפגאט.

אויך א סטאטועטקע פון א געץ.

1882 " לאכט, לאכט אים |=פון| פארליבענישן... אט

480 דאס בלינדע גרעקישע געצל, וואס הייסט 'אמאר',

האט זיך שוין אריינגעכאפט |...| צו יידן אויך".

מ. אסטראווסקי, פער 74, נ' 12, ז' 183.

1934 " ער האט געפרווט ווערן זיך, יאגן פון זיך,

479 האבן זיי אים, ווי א געצל, אין א שטיבל אריינגעזעצט.

זיי היטן אים, ווי מען היט א פלאם פייער |...|".

אש, 13.

132 - [redacted] - געצ
133

104

ג ע צ ל אָ פּ - דאָס/דער, |סטוטש 282|.

דאָס (דויערנדיקע) צלאָפּען.

ג ע צ ל מ ט |געציילעמט| – 1. פֿאַר פֿון צלמען (זיך).

2. אַדי |אויו| געצייכנט (געמוסטערט), איבערגעלייגט

איינס אויפֿן/איבערן אַנדערן ווי אַ צלם; [illegible].

135. ~~121~~ - געצ

ג ע צ מ א ן - דער ~~...~~ ≈ ליִיט. (שנש) געצן=דינער.

1935 " אזוי ווי דער געצמאן זיין היילקסטן אפגאט

485 // פארשטעלט וואס געדיכטער, וואס טיפער אין וואלד".

א. שווארצמאן, 1, 120.

ג ע צ מ א ק ע ט - פאר פון צמאקען |הארקאווי|.

ג ע צ ן - מצ פֿון געץ.

~~2. געצן=... באשטימטייל פֿון סובסטאנטיוויש צונויפֿהעפֿטן.~~

0 **געצנבוים** - דער, ~ביימער. א בוים וואס מע האט געפֿלאנצט ווי א טייל פֿון קולט פֿאר א געוויסן אפּגאט, א שטייגער די ביימער לכּבוד אשרה, דער כּנענישער געטין פֿון גליק.

1941 " זאלסט דיר ניט פֿלאנצן א געצנבוים".
תּרגום יהואש, דברים, טז - 21. 489

1958 " אין חלום האט איזבל געטאנצט פֿאר דעם געצנבוים
אשרה". ש. איזבאן, פֿער 68, 1x 6. 490

**געצנבילד** - דאס, =ער. געמאלט אדער געשניצט געשטאלט פֿון אן (אפּ)גאט.

1950 " פֿון אַ געצנבילד, צו וועלכן מען דינט אַלס צו
אַן אָפּגאָט, טאָר מען קיין הנאה ניט האָבן". 494
איבז פּיעטרושקאַ, משניות, 3 מאַי, י - י.

געצן=ברעכער - דער, =ס/מצ דז. 1. דער וואָס
צעברעכט בילדער אָדער סטאַטועס פֿון אָפּגעטער.
% אברהם אבינו איז געווען אַ געצן=ברעכער.

2. (פֿיג) איינער וואָס רײַסט אַרונטער דעם אויטאָריטעט
פֿון אַלגעמיין אָנגענומענע פּערזענלעכקייטן אָדער
אידעען.

1948 " |...| אב"א שאַפּירא האָט באַוויזן אָנצושרײַבן
אַזאַ פּאָעמע, ווי 'מחזיונות בת עמי' - אַ ווערק 495
וואָס האָט באַגײַסטערט דעם יונגן פֿרישמאַן, דעמאָלטיקן
געצן=ברעכער, שטרענגן פּאָדערער און אַרונטעררײַסער".
פּער 44, נ' 7, ז' 19.

**געצנהויז** – דאָס, ־הײַזער. טעמפּל פֿון אָפּגעטער.

**געצן=מאַכער** – דער, =ס. דער וואָס מאָלט אָדער שניצט געשטאַלטן פֿון אָפּגעטער.

געצנדינסט - דאס, בא. דער קולט פון פיל געטער, הערשער איבער פארשיידענע כוחות פון דער נאטור; פאגאניזם, אידאלאטריע, עבודה=זרה. % איינע פון די פארמעס פון געצנדינסט איז דאס בוקן זיך צו די שטערן. דער שאמאניזם איז נאך היינט א פארשפרייטע פארמע פון געצנדינסט אין אפריקע.

1951 " ס'זיינען דא אזעלכע מנהגים ביי יידן |וואס| זיינען פארבליבן פון געצנדינסט". מ. כץ, פער 1382,106. 499

1966 " ווי ביי א געצנדינסט דו זינגסט צום בוים א לויב - // זיין צווייגנשפאן פון קרוין ביז ווארצל". האלקין, 4, 47. 497

גע́צן=דינער - דער, =ס/מצ דן. דער וואָס
גלייבט אין פֿיל געטער. % דער געצן=דינער גלייבט,
אַז יעדער נאַטור=כוח האָט זײַן גאָט. טייל געצן=דינער
שטעלן פֿאַר די געטער אין געשטאַלט פֿון חיות.

1866 " דאָרט, אין אָסט=אינדיען זײַנען די געצן=דינער
|...| גרויסע בעלי=סיגופֿים". דיק, 26. 505

1881 " דער בעל=תשובה מאהבה שרייבט, אַז מען טאָר
ניט גנבֿענען אַ שווה=פּרוטה אַפֿילו בײַ אַ געצן=דינער". 504
זאַביעזענסקי, 3, 49.

1926 " מיט מאָדנע בילדער און פֿיגורן איז אויסגעפּוצט
מײַן שטוב, ווי בײַ די געצן=דינער". סעגאַלאָוויטש, 179,8. 508

1943 " איז ער [דער פּרוש] אַנגעקומען אין איינער אַ שטאָט
|...| און האָט באַגעגנט אַ געצנדינער. זאָגט צו אים קאנק
דער פּרוש: ווי נאַריש איר זײַט און פֿאַרבלענדט, וואָס איר
דינט צו די אָפּגעטער!". נסתר, 5, 115.

|| **געצן=דינערײַ** – דאָס, בא, דזון געצנדינסט.

1852 " ווען די בראַהאַמינען (דאָס זענען די אינדיאַנישע
פּריסטער פֿון די געצנדינערײַ) וועלן געוואָר ווערן, 518
אַז איך לערן אײַך דעם מוזולמענישן גלויבן, וועלן זיי
מיך לעבעדיק פֿאַרברענען". איבן פּ. זאַנדמאַן.

1951 " מסתמא האָבן אויך די קריסטלעכע ווײַסרוסן זיך געקענט
אײַנלעבן מיט די ליטווינער, ווײַל זיי האָבן ניט 517
געזוכט זייער געצן=דינערײַ אויף וועמען אַרויפֿצוצווינגען".
א. קאַצענעלנבאָגען, פּער 106, 320.

**געצנדינעריש** – אַדי/אַדוו. ווי געצן=דינער, פֿון
געצן=דינער. געצנדינערישע מינהגים. געצנדינערישע
קולט.

1934 " בײַם אַרײַנגאַנג, אין דערבײַיִקן װעלדל, שטײען
צװײ שטײנערנע באַבעס, װאָס שטאַמען נאָך פֿון די 526
<u>געצנדינערישע</u> צײַטן". <u>מין, 1, 57.</u>

1944 " בײַ דער דאָזיקער מיסטישער און <u>געצנדינערישער</u>
צערעמאָניע איז דער פֿעטער אבֿרהמקע געלעגן אױפֿן קאנק
פּיעקעליק און זיך שטאַרק געשיבערט". <u>י.י. טרונק,</u>
<u>3, 57.</u>

<u>געצן=דינערשאַפֿט</u> - <u>די/דאָס, בא.</u> <u>דזוו</u> <u>געצנדינסט</u>.

1951 " אַפֿילו די <u>געצן=דינערשאַפֿט</u> איז נאָך אַ לאַנגע
צײַט ניט געװען פֿאַרשװוּנדן |אין ליטע|". 527
<u>קאַצענעלנבאָגען, פער 106, 33.</u>

ג ע צ ע ג ע ר ט - פאר פון צעגערן.

(?נ?) געצעווען - אוטוו. (שנש) דינען די געצן,
זיין געצן=דינער.

1960 " זיי |...| האָבן געגעצעווועט, זיך געפּרוכפּערט
537 און געפּאַשעט שאַף". א. אויערבאַך, פּער 68, 18/IV.

געצעטלט - אדי/אדוו. פיגורירן אויפן צעטל, זיין פארצייכנט אין עמעצנס א רשימה, ס'רוב געמיינט האבן עמעצן אויפן אויג נקמה צו נעמען, זיך אפצו-רעכענען מיט אים.

1965 " כ'אג איר קלארע ווערטער: אויב ס'וועט עפעס בא

539 געשען מיט מעצאצען, איסטו ביי מיר א געצעטלטע".

באשעוויס, פער 38, ג' 52, ז' 172.

1966 " די גנבים האבן געהאט אויף אים אן אויג

541 און זיי האבן געזאגט אפן, אז ער איז ביי זיי א געצעטלטער". באשעוויס, פער 155, 17/XII.

.147 .[redacted] - געצ

148

114

**געצעלט** - דאס, =ן. 1. בויד/ביידל פון אן אומדורכנעצלעכן שטאָף (לייוונט, פעל א"א), איבערגעצויגן און צוגעפעסטיקט מיט שטריק צו שטאַנגען אריינגעקלאַפּטע אין דער ערד; די געצעלטן האָבן אַמאָל געדינט ווי איבערטראַגלעכע וווינונגען פאַר וואַנדערנדיקע פּאַסטעכער=שבטים, איצט גענוצט דורך טוריסטן אויף עקסקורסיעס, פּיקניקס אד"גל. % ברעזענטענע געצעלטן. די בעדווינער האָבן אויפגעשטעלט זייערע שוואַרצע געצעלטן. דער צירק טרעט אויף אין אַ ריזיקן געצעלט.

1838 " און האט לאזין אויף שטעלין איין קלייש געצעלטל". פאוויר, 2, כ"א - II.

558

1887 " ביי יעדער געצעלט וואר |=איז געווען| איינע ליכטיקע לאַמטערנע אויפגעהאַנגען". דיק, 98א, 30.

566

114

געצעלט - דאס, =ן. 1. בויד/ביידל פֿון
אן אומדורכנעצלעכן שטאף (לייוונט, פֿעל א"א),
איבערגעצויגן און צוגעפֿעסטיקט מיט שטריק צו שטאנגען
אריינגעקלאפטע אין דער ערד; די געצעלטן האבן אמאל
געדינט ווי איבערטראגלעכע וווינונגען פֿאר וואנדערנדיקע
פֿאסטעכער=שבטים, איצט געניצט דורך טוריסטן אויף
עקסקורסיעס, פּקניקס אד"גל. % ברעזענטענע געצעלטן.
די בעדויִנער האבן אויפֿגעשטעלט זייערע שווארצע געצעלטן.
דער צירק טרעט אויף אין א ריזיקן געצעלט.

1838 " אונ האט לאזין אויף שטעלין איין קלייש
געצעלטל". פאוויר, 2, כ"א - !!. 558

1887 " ביי יעדער געצעלט וואר |=איז געווען| איינע
ליכטיקע לאמטערנע אויפֿגעהאנגען". דיק, 98א, 30. 566

1930-1926 " אויפן זאמדיקן וועג |...| זענען געווען

561 צעווארפן לייוונטענע געצעלטן". אפאטאשו, 13, 116.

1941 " האט אברהם געאיילט אין געצעלט צו שרהן".

596 תרגום יהואש, בראשית, יח - 6.

1970 " מיר האבן געוואנדערט אין די ארומיקע וועלדער,

587 געבויט געצעלטן |...|". י. פץ, יזב 7, 203.

2. (פיג) וווינונג, היים, וווינארט. % נאך לאנגע
וואנדערונגען איבער דער וועלט, האבן די עמיגראנטן
אויפגעשלאגן זייער געצעלט אין ניו=יארק.

1805 " וואס האט איר |דער נשמה| גאט ב"ה געטאן דש

582 איר געצעלט איז אפ גירוקט ווארין פון איהרן הימל
און מוז איר וואונונג האבין אין דעם גוף|...|".
איבן פאוויר, דף מד - 2.

... "ראַק, הויזן, שטיוול - צעריסן! באַבקעס! - אים
599 שאַט נישט קיין קעלט. אײַ וואָס, ער |דער פּאָעט| האָט
נישט קיין דירה? דער הימל איז דײַן **געצעלט**".
פּרץ, 5, 93.

1908 " אָט באַלד וועט זי |די זון| זיך באַזעצן אין איר
548 פֿינצטערן **געצעלט**, וואָס וועט באַלײַכט ווערן פֿון
פֿינקלדיקע שטערן". שלום-עליכם, 162,26.

1970 " זײַ |די גרויסע ייִדישע פּאָעטן| האָבן אַרײַנגעפֿירט
554 די גרויסע וועלט אין זייער ייִדיש **געצעלט**".
י. גלאַטשטיין, פּער 69, 15/XI.

3. (פֿיג) דער הימל.

1885 " אַזוי ווי דער אויסגעשפּרייטער **געצעלט** (דאָס
612 איז דער הימל) איז ליכטיק ביי די מלאכים, וואָס
וווינען אויבן |...|". מחזור, 4, 250.

1910 " עס לייכט און שיינט דער אוונט=שטערן // אין בלויען אייביקן געצעלט". פרוג, 2, 49. א/612

... " די זון האט פריילעך אראפגעקוקט פון איר הויכן געצעלט, פונעם לויטער בלויען הימל".
שלום=עליכם, לכבוד יום=טוב !!, ז' 50.

|| געצעלטיק - אדי. (שנש) (ווי) פון א געצעלט.

1973 " א ווײלע האבן זיי |...| ארומגענומען מיט די אויגן דאס געצעלטיקע דעכל, אונטער וועלכן זיי זײַנען געשטאנען". ראזענפארב, 3, 270. 617

געצעלטניק - דער, עס, ווע געצעלטניצע,=ס. (שבש) דער וואס וווינט אין א געצעלט (געמיינט די נײַע עולים אין ישראל אין די פופציקער יארן).

1961 " איינער פון די געצעלטניקעס, א ייִד אין די
פערציקער, וואָס האָט אַ מאָל געהאַט א ווײַב מיט פיר 629
קינדער און איצט איז ער דאָ אין דעם לײַוונטענעם
געצעלט". ב. דעמבלין, פער 177, טו/18.

17 געצעלט פון תורה, געצעלט פון שם ועבר |שעם וועאײַווער|
– בית=מדרש, ישיבה, מקום פון לערנען.

1948 " ער איז געווען זייער א שטילער, |...| און אַן
איבערגעטריבן פרומער, וועמען ס'האָט געצויגן, ווי קאנק
יעקב אבינו, מער אין די געצעלטן פון שם ועבר,
ווי אין די טומלדיקע געמאַרקן פון |...| האנדל=וואַנדל".
נסתר, 6, 300.

1951 " |...| אירע |...| חכמים |פון ווילנע| זײַנען
געווען גרויסע לומדים, וואָס זײַנען ניט אָפּגעטראָטן 546
פון דעם געצעלט פון תורה". מ. קאַסאָווער, פער 1133,106.

<u>אויפשלאגן דאס געצעלט</u> - 1. אויפשטעלן א געצעלט ממש.

1864 " אלע נאכמיטאג פלעגט מען זיך שטעלן און <u>אויפשלאגן</u>

595 <u>די געצעלטן</u> וואס מען פירט מיט". <u>פער 177, ג׳18, ז׳276</u>.

1944 " |...| און ער |יעקב| איז אויפגעשטאנען און

609 אוועקגעצויגן פון דעם ארט, // און האט אין מגדל=עדר

<u>אויפגעשלאגן זיין געצעלט</u>". <u>רויזנבלאט, 5א</u>.

(פיג)

2. באזעצן זיך אויף שטענדיק אין א געוויסן ארט,

אויפבויען זיך א היים.

1928 " איך האב אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע.

607 אונטער דעם שאטן פון דער ריזיקער פרייהייטס=געטין

<u>האב</u> איך <u>אויפגעשלאגן מיין געצעלט</u>, מיין היים געבויט".

<u>נאדיר, יעקס ביכער |טייל?זייט?|</u>.

ם **גיצעלט, מצ גיצעלטר.**

1. ←---

1544 " דא גינג זיא |חנה| מיט ורײדן היים איך

איר גיצעלט". שמואל=בוך, סטראפע 26. 591

1686 " |...| אונ' האט אויף גישלאגן זיין גיצעלט".

ס' משלים, דף כב - ז. 611

1764 " אונ' די רומיים זיינן ווידר גקערט צו איר

שאר אונ' איר גצעלטר". יוסיפון, 5, דף ק"ו - ז. 630

2. ←---

1648 " דיא מורדים דיא הטן אן גישטעלט// דעם שטאט

פאלק צו ווערן // קיין יודן איין צו נעמן אין אירי 601

גיצעלט |...|". מגילת ווינץ, ז' 18.

1744 " אלז דען ראהט ער איצונד דאש זיך דיא לייט פון

דיא וועלט אירי גיצעלטיק אב טאן זאלין". בחנות עולם, דף יג - 2 581

(?נ?) ם|געצעלטן| ג י צ ע ל ט ן - אוטוו. אויפשטעלן א
געצעלט, וווינען, לעבן.

1610 " ויאהל אונ' ער גיצעלטט אברם אונ' ער קאם אונ'
זאש אים פלאן ממרא דש אין חברון". טייטש=חומש, 622
בראשית, יג - יח. |תי: ער האט איבערגעטראגן זיין
געצעלט|.

1716 " |...| עש ווערט קיינר דורטן וואנן ביז גבירט
אונ' גבירט, עז ווערט דורטן אפילו איין טאטר |...|". 623
ס' המגיד, 3, ישעיה, יג - ב.

געצ – [illegible]. – [illegible]
156

ג ע צ ע נ ט ל ט – אַדי/אַדוו. געטיילט אויף צען טיילן; דעצימאַל.

17 גַעצֶענטלטע בַרוכצאַל – (מאָט) אַ ברוכצאַל וואָס איר טיילווייזער טיילט זיך אויף 10 אָן אַ רעשט: 1/10 ט, 3/100 ט, 4/1000 ט (אַנדערש געשריבן: 0,1 , 0,03 , 0,004).

אומענדלעכע (ענדלעכע, באַגרענעצטע, פּעריאָדישע) גַעצֶענטלטע בַרוכצאַלן |סטוטש 54|.

געצ - [redacted] 157.

(?נ?) ם|געצענק| ג י צ ע נ ק - דער/דאָס. קריגערײַ,

מחלוקת, צאַנקערײַ.

1722 " אונ׳ דער דא טוט רידן ליגן אונ׳ זאגט פאלש

640 עדות, אונ׳ דער גיצענק רייצט צווישן ברידר".

<u>מנורת המאור, דף לט/ג.</u>

1735 " דא וואלט איין איטליכי איר מילך אויז דען

638 (כלי) ווידר ארויז נעמן דא וואר איין גרוש <u>גיצענק</u>

אונטר די ווייבר. די אייני הוט אזו פיל גיהאט אונ׳

די אנדרי אזו פיל". <u>איילין שפיגל, דף 14</u>.

|| <u>גיצענק מאכר</u> - דער וואָס רייצט אויף צו קריגערײַען.

1764 " אונ' דארטן איז גזעצן איין מאן פון די
(פרושים) אונ' דר וואר איין גצענק מאכר אונ' 642
איין ביזר שאלק הפטיגר מענש". יוסיפון, 5, דף נא -ד.

> רעד: אפשר דארף מען לייענען אומעטום "געצאנק"?

.159 [redacted] - געצ

(?ג?)    ג ע צ ע פ  -  דאס/דער, בא. (שנש) זאמל=נאמען,

פאר א סך צעפ, אלע צעפ.

1963  " נישט קיין ווערבעס שווענקען דארט זייער גרין

געצעפ". מ.מ. שאפיר, 1, 21. 643

.160 [redacted] - געצ

(?נ?) ם|געצעק| ג צ ע ק - דער. בנב.

1764 " אונ׳ ער טיטט אים זיין אידם תלמי אין איין

געצעק פון ווייך". יוסיפון 5, דף קב ז.

געצערט - 1. פאר פון צערן (זיך).

2. אדי/אדוו.מאגער, דאר. % ער האט א געצערט פנים, זעט אויס געווען קראנק.

☐ געצערטער וויין/מעד - בנב.

רעד: קומט עס פון ערשטן באטייט פון צערן זיך - "שפייזן זיך" אדער פון צווייטן - "ניט דערעסן, הונגערן"? ת'מיין אז מע מיינט אז דער וויין איז גוט אויסגעשטאנען, אלט.

1945 "חכמה זיינע טרינקען ווי געצערטן מעד".

באריישא, 3, 243.

648

647

1967 " |...| ווערן געלייטערט, ווי געצערטער ווייין".

אהרן צייטלין, 6, 87.

1975 " בענדיט האט געהאט א ווייינקעלער און דארט

געהאלטן געצערטע וויינען און ליקערן, ווי א גראף".

באשעוויס, 6, 124.

163 - 3ע

ג ע צ ע ר ט |געצאַרט| - פֿאַר פֿון צערן.

.163/1 ~~147~~ - געצ

122

ג ע צ ע ר ט ל ט - פּאָר פֿון צערטעלן.

|| געצערטלטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון

זײַן געצערטלט. % פֿון צו פֿיל געצערטלטקייט איז

דאָס קינד געוואָרן פֿויל און קאַפּריזנע.

געצ- ~~148~~. 164.

ג ע צ ע ר נ ט – פאר פון צערענען |אריינברענגען אין צארן|.

ג ע צ ע ר ע ו ו ע ט - פאר פון צערעווען.

(ג ע) צ ע ר ע מ אָ נ י ע ט (ז י ך) - פֿאַר פֿון צערעמאָניען (זיך)

167 – גע

ג ע צ ע ר ק ע ט ( ז י ך ) – פֿאַר <u>פון צערקען (זיך)</u> |<u>הארקאווי</u>|.

געצ - [redacted]. .168

ג ע צ ק ע - די, =ס. ורע פון געץ.

1968 " |...| ביי המן בן המדתא אויפן הארצן איז

קאנק געהאנגען אן געצקע ". גראדע, 7, 242.

ג ע צ ק ע ן  ז י ך  - קזוו, פּפּ קעצקען זיך.

(איר, פּטמ) צערטלען זיך, ליובען זיך, ליבן זיך

(וועגן פֿארליבטע). % ס'איז נאָך ניט לאַנג נאָך דער חתונה,

געצקעט זיך אַ ביסל דאָס יונגע פּאָר=פאָלק.